## אַבֿרם טאַבאַטשניק

# פֿון אַ שמועס מיט אהרן צייטלין

איך ווייס ניט גענוי, וואָס דאָס איז דער טײַטש: אַ רעליגיעזער פּאָעט. פּאָעזיע, אויב, און אויף וויפֿל זי פֿאַרדינט דעם נאָמען, איז לויט מײַן מיינונג ממילא רעליגיעז, אויב מע פֿאַרשטייט ניט רעליגיע אין אַן ענג-ריטועלן זינען. זי איז רעליגיעז אפֿילו דענסטמאָל, ווען זי איז בלאַספֿעמיש. שעלי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַן אַטייִסט, אָבער זײַן פּאָעזיע האָט צו טאָן, אָפֿט פֿאַרשטעלטערהייט, מיט געטלעכע עננים, וואָס גייען אים שטאַרק אָן ווי אַ מענטש. אויף וויפֿל עס גייט וועגן מײַן ווייניקייט, וואָלט איך -- באַזונדערס פֿון דער צײַט, וואָס רעליגיע איז בײַ אונדז געוואָרן אַן ענין פֿון פּאָליטיק און פּאַרטיי -- גערעדט ניט וועגן רעליגיע, נאָר וועגן אמונה, גלויבן, און דערבײַ וואָלט איך דעפֿינירט _גלויבן_ ווי עפּעס, וואָס מוז פֿאַרשטאַנען ווערן ניט סטאַטיש, נאָר דינאַמיש און דיִאַלעקטיש, דהיינו, ניט ווי אַ פֿאַרגליווערטע פֿאַרטיקייט, נאָר ווי אַן אומויפֿהערלעכער פּראָצעס. דאָסטויעווסקיס אַ העלד זאָגט ערגעץ: ״מיך האָט אַ גאַנץ לעבן געפּײַניקט דער ענין גאָט.״ אָט דאָס רוף איך אַן אמונהדיקייט. אַן אמונהדיקער מענטש איז קודם-כּל אַזאַ איינער, וואָס אַ גאַנץ לעבן גייט אים אָן דער גאָט-ענין.

* * *

אַז מיר האַלטן בײַם ענין פֿון אמונה און אמונהדיקער פּאָעזיע, וואָלט איך געוואָלט מאַכן נאָך אַ פּאָר באַמערקונגען. מע רעדט וועגן גאָט-זוכערס און גאָט-געפֿינערס. איך וואָלט גערעדט וועגן דעם, אַז אמונה איז אַ כּסדרדיק, נאָכאַנאַנדיק, כּמעט גלײַכצײַטיק גאָט-געפֿינען און גאָט-פֿאַרלירן. איך ווייס ניט צי דאָס איז קלאָר. איך וואָלט געבראַכט אַ זאָג פֿון רב נחמן בראַצלאַווער וועגן דעם ענין פֿון גאָטוס נאָענטקייט און ווײַטקייט צו גלײַך. רב נחמן זאָגט: ״וואָס נענטער מ׳איז צו גאָט, אַלץ ווײַטער איז מען פֿון אים.״ און ער גיט אַ משל: ״אַ מענטש הייבט אָן קלעטערן אויף אַ באַרג. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן אַז דער באַרג איז אומעגלעך הויך. איז וואָס מער, וואָס העכער ער קלעטערט, אַלץ ווײַטער זעט אים אויס דער באַרג. וואָס מער אָפּגעגאַנגענער וועג, אַלץ בולטער ווערט דעם באַרגס

אומענדלעכע הויך. דערנענטערן זיך צו גאָט הייסט דעריבער: האָבן דאָס געפֿיל סײַ פֿון נאָענטקייט און סײַ פֿון אומענדלעכער ווײַטקייט." דאָס איז די דיִאַלעקטיק פֿון אמונה: גאָט-געפֿינען און גאָט-פֿאַרלירן אין איין און דער זעלביקער צײַט, כּמעט תּוך-כּדי-דיבור און דערפֿון אויך די ייִאוש-צײַט פֿון אמונה. ייִאוש און אמונה זענען צוויי זײַטן פֿון איין זאַך. אַז דו וועסט מיר זאָגן ווי טיף פֿאַרצווייפֿלט דו ביסט, וועל איך דיר זאָגן ווי ווײַט גלייביק דו ביסט.

* * *

איך גלויב, אַז אָן רוח-הקודש איז קיין שום זאַך ניטאָ, קיין פּאָעטישע שאַפֿונג אַוודאי ניט. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען קען אויסטראַכטן לידער. אויב אָבער אַ ליד זאָל באמת זײַן אַ ליד, מוז עס זײַן דער פּועל-יוצא פֿון אינספּיראַציִע.

* * *

איך קען רעדן נאָר פֿון מײַן אייגענעם נסיון. איך ווייס ניט ווי ס'איז בײַ אַנדערע פּאָעטן וואָס שרײַבן אויף צוויי שפּראַכן. בײַ מיר איס ניטאָ אָט די שפּאַלטונג אָדער צעברעקלונג. איך ווייס ניט גענוי פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי, אָבער דער דאָזיקער "ו' החיבור" פֿון די צוויי לשונות, יענער ו'-מחבר וואָס איך האָב אָנגערופֿן דער לשון-קדוש פֿון דער ייִדישער נשמה פּירט דערצו, אַז איך זאָל אין פּרט פֿון שפּראַך ניט פֿילן קיין שפּאַלטונג. קיין אינעווייניקסטע צעריסנקייט. ווי געזאָגט, אַז איך שרײַב ייִדיש, פֿיל איך גאָר ניט אַז איך שרײַב ייִדיש; אַז איך שרײַב העברעיִש, פֿיל איך גאָר ניט אַז איך שרײַב העברעיִש. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז אויב ס'איז אַ צווייִקייט, איס עס אַ צוויי, וואָס איז -- אָדער ווערט איינס. אָט דאָס טאַקע איז וואָס איך האָב פֿריִער געזאָגט: דער ענין פֿונעם א', דער אויבן און דער אונטן, דאָס רעכטע און דאָס לינקע, טאַטע און מאַמע, אויב מען זאָל זאָגן, אַז העברעיִש איס טאַטע-שפּראַך און ייִדיש איז מאַמע-שפּראַך. דאָס ווערט פֿאַרבונדן דורך דעם _ו_, וואָס דאָס מיינט אויך נשמה, עס הייסט: ס'איז איין גאַנצקייט, איין געשטאַלט, ס'איז איין א'. דאָס איז אַ ריין פּנימעסדיקער פּראָצעס. די צוויי-שפּראַכיקע לשון-קודשדיקייט אין מײַנע לידער איז דורכויס אַ סוביעקטיווע אײַנשטעלונג. און איך וויל גאָר באַזונדערס

באַטאָנען, אַז מען קען פֿון דעם גאָרניט דרינגן אין אַ געזעלשאַפֿטלעכן אָדער נאַציאָנאַלן זינען. ס׳איז, חזר איך איבער, אַן אינדיווידועלער פּסיכישער פֿאַקט, אַ יחידישער. איך וואָלט אפֿילו געזאָגט, אַ פּריוואַטער אײַנשטעל. אָבער אָט דער פּסיכישער אײַנשטעל, האָט, גלייב איך, גאָרניט צו טאָן מיט מײַן שרײַבן בכלל, נאָר ספּעציִעל מיט מײַן שרײַבן לידער.

איך וויל זיך אגבֿ, דאָ פֿאַרענטפֿערן פֿאַר נוצן אין דעם איצטיקן שמועס אַזעלכע ווערטער ווי שאַפֿן, וואָס דאָס האָט אַ קאָנאָטאַציע פֿון גאווהדיקייט. מײַן נוצן דאָ ווערטער ווי שאַפֿן, פּאָעט וכדומה, אָנגעווענט אויף זיך אַליין, דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן פּשוט ווי טעכנישע טערמינען, וואָס מיט זייער הילף בין איך אויסן ניט מער ווי אָפּצוגרענעצן מײַן שרײַבן לידער פֿון מײַן שרײַבן בכלל. ווען איך טראַכט וועגן דעם פֿון וואַנען עס קומט צו מיר מײַן צווייִשפּראַכיקע לשון-קודשקייט -- ווי איך האָב עס אָנגערופֿן -- דאַכט זיך מיר צײַטנווײַז, אַז דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס אַטאַוויסטיש צי איך מײַן יעניקע פֿון דער חב״ד-וועלט.. איך שטאַם דאָך פֿון דורות חבדניקעס. מײַנער אַן עלטער-זיידע, רב יוסף דער אַלטער חזן, איז געווען פֿון די ערשטע חסידים פֿון דעם בעל-התּניא, זײַן חזן און אַ מוטיגער פֿאַרשפּרייטער פֿון זײַן שיטע אין חסידות. חבדניקעס האָבן גענוג אַ גאָר אָריגינעלן סאָרט ייִדיש. ס׳איז געווען אַ מין העברייִדיש אָדער ייִדעהעברעיִש. עס קען דעריבער זײַן, טראַכט איך צו מאָל, אַז דאָס לשון-קדוש-ייִדיש איז צו מיר אָנגעקומען דורך אַטאַוויסטישע קאַנאַלן. מעגלעך אַז חב״ד האָט אויך אַנדערש משפּיע געווען.

* * *

אין די _כאַליאַסטרע_-צײַטן (אין פּוילן) בין איך געווען אַ _פֿרעמדע פֿלאַנץ_.(6) דר. שיפּער(7) האָט מיך אַ מאָל אָנגערופֿן: אַ העברעיִשער פּאָעט אויף ייִדיש. אחוץ דעם בין איך געוואַקסן אין אַ שטוב, ווו ליטעראַטן זענען געווען אָפֿטע געסט, און האָב צו פֿרי דערקענט די מומים פֿון שרײַבערס און שרײַבערײַ. ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון פּען-קלוב בין איך געשטאַנען אין קיך, ווו מען גרייט צו די _קולטור_. בײַ דעם אַלעמען בין איך געווען -- אַליייניק. כ׳בין ניט געוואַקסן בחבֿרותהדיק, האָב קיין מאָל ניט מיטגעזונגען אין כאָר. איך וואָלט אויך ניט געקענט מיטזינגען אין כאָר פֿון _רעליגיִעזע_

דיכטערס. איך אַנערקען ניט קיין כאָרן. איך בין אָפֿט געגאַנגען קעגן שטראָם. ווען מאַרקיש האָט געזונגען וועגן די גליקן פֿון דער רעוואָלוציע, דהינו, אַז "איוואַנושקאַ דוראַק וועט גאָר די וועלט פֿאַרנעמען," ווי ער זאָגט ערגעץ אין אַ ליד, וכדומה אַזעלכע זאַכן, האָב איך געשריבן מײַן אייגענע שטורעמצײַט-פּאָעמע -- ייִדיש-כּבלהסדיק: _מאַטאַטראָן_. איך בין ניט-קאָמפֿאָרמיסט, נאָר אַז עס ווערט אַ מאָדע אויף נאָן-קאָנפֿאָרמיזם איז מען ניט בזיבור.

פֿאָרמעל בין איך פֿון אַ ליטעראַרישער משפּחה. דער פֿאָטער אַ שרײַבער, דער ייִנגערער ברודער אַ שרײַבער. אָבער איך האַלט ניט פֿונעם באַגריף ליטעראַרישע משפּחה אין זינען פֿון בציבורדיקייט, פֿון קאָלעקטיווער שאַפֿונג פֿון אַ דור. דאָס קאָלעקטיווע, אויך דאָס היסטאָרישע, דאָס נאַציאָנאַלע -- דאָס אַלץ דאַרף זײַן אינעם יחיד אַליין. אַנדערש געזאָגט: די צײַט, דאָס פֿאָלק, די דורות זענען, דאַרפֿן זײַן, אין דעם איינצלנעם שאַפֿער אויף וויפֿל ער איז באמת אַ שאַפֿער. אויך נאַציאָנאַלע און קאָלעקטיווע מאָטיוון אין דער פּאָעזיע זענען יחידישע מאָטיוון. אויב דער נאַציאָנאַלער אָדער קאָלעקטיווער מאָמענט איז אין דער זעלבער צײַט ניט-סוביעקטיוו, איז עס דעקלאַמאַציע. טאַלאַנט איז אינדיווידואַליטעט, אויב ניט -- איז דער גאַנצער ענין טאַלאַנט אַ מקח-טעות. עליִאָט, דער באַרימטער ענגלישער פּאָעט און עסייִסט, האַלט ניט, אַז טאַלאַנט איז פּערזענלעכקייט.(8) ער קאָן זיך באַגיין אָן דעם. דאָס איז איינע פֿון די סיבות, פֿאַרוואָס איך קאָן זיך זייער גוט באַגיין אָן די עליִאָטוס.

* * *

איך האָב אַ ווידערגעפֿיל צו דעם וואָס מ'קען אַנדערש ניט רופֿן ווי ליטעראַטור-מאַרק. אויף אַ מאַרק האַנדלט מען זיך איין אַביסל כּבֿוד, מע דינגט זיך איינער מיטן צווייטן, אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ. איך וועל זאָגן אויף דיר, אַז ביסט אַ גדל, וועסטו זאָגן אויף מיר, אַז איך בין אַ גדל. ווער דאַרף דאָס? איז עס ניט קרעמערײַ? איך האַלט פֿון שרײַבערס, וואָס זענען מיר נאָענט.

(_די גאָלדענע קייט_, נומער 65, 1969).(5)